# שיקאַגאָ

ליטעראַרישער חודש זשורנאַל

אקטאבער, 1930

פּרייז 15ס.

"CHICAGO"
*A LITERARY MONTHLY IN YIDDISH*
Office: 1133 S. Homan Avenue
MEYER ZOLOTAREFF,
Editor and Publisher

## M. DAVIS

כשר'ער
רעסטאראַן און דעליקאַטעסן

פרישע געוויכערטע פליישן
צו יעדער צייט

3148 ROOSEVELT RD.

## רייזעס קיין רוסלאַנד

פֿאָרט קיין רוסלאַנד — וואו א נייע וועלט ווערט געבויט און אייערע קרובים און פריינט געפינען זיך. ברייננגט פרייד צו אייערע קרובים מיט אייער באַזוך. העלפט זיי מיט אייערע הענט. מאַכט שוין רעזערוואַציעס צו קריגן די בעסטע פלעצער און אַקאָמאָדאַציעס אף די פיינסטע און שנעלסטע שיפן. — מיר באַזאָרגן אייך מיט די נויטיקע פאַפירן.— פאַר ווייטערע אינפאָרמאַציעס, קומט אָדער שרייבט צו די

## אמאלגעמייטעד באנק

טראַוולערס דעפּאַרטמענט

111 וו. דזשעקסאָן בולוואַר שיקאַגע, איל.

אַלעס וואָס איר דאַרפט פאַר אַן
## אטאמאביל
קריגט איר בּאַ די
## LEVIN AUTO PARTS
2013-15 SO. STATE STREET
Telephone Calumet 4400

פאַרזיכערט אייער לעבן ביי מיר
## BERNARD A. SUPERFINE
New York Life Insurance Co.
39 S. LA SALLE STREET
Telephone Central 0271

לייענט און פאַרשפּרייט
דעם זשורנאַל
## ,,שיקאַגע''
איר קריגט אים בּאַ אַלע צייטונג - פאַרקויפער
און בּיכער - געשעפטן איבערן גאַנצן לאַנד

## פייזער אַנדערטייקער

צוויי טשאַפּעלס:

4911 Broadway — Longbeach 4740-1-2
3125 W. Roosevelt Rd. — Lawndale 4920-1-2



דער זשורנאַל איז געדרוקט געוואָרן בּאַ

## די דזשיי פּרעסס

1836 ס. לאָונדייל עוועניו—טעל. ראָקוועל 1315
שיקאַגע.



אונזער דרוקעריי איז איינגעריכטעט מיט די נייעסטע מאַשינערי — און לעצטע מאָדע שריפטן—אונזערע פּרייזן זיינען מעסיקע—איר וועט קיין חרטה ניט האָבּן—רופט אונז.

# דער פאַרלאַג ,,שיקאַגע״

אַנאַנסירט די ערשטע צוויי ביכער וואָס דערשיינען

אין גיכן

## ,,אין לאַנד פון די יענקים״

אַ בוך לידער און פּאָעמען

פון

מאַטעם דייטש

## אונזער פאַרלאַג

שפּרייט אויס זיין טעטיקייט אַפן געביט פון ארויס-
געבן ביכער פון אונזערע שיקאַגער דיכטער.
תיכף נאָכן בוך פון מאַטעם דייטש, ,,אין לאַנד
פון די יענקים״, טרעט דער פאַרלאַג צו צום דרוק
מיט אַ בוך לידער פון בן שלום.

אַבאָנענטן וועלן פיל פאַרגרינגערן אויב זיי וועלן
אַריינשיקן זייערע באַשטעלונגען צו

MEYER ZOLOTAREFF
1133 S. Homan Avenue
Chicago, Ill,

פרייז $1.00

# שיקאַגער לשון אידישניקעס

גרייטן צו

## אַ קלוגע-לאַכקע נאַכט

פאַר

## א, לוצקי

(וואָס קיינער ווייסט ניט ווער ער איז . . .)

לכבוד זיינע צוויי נייע ביכער וואָס ער
האָט פאַרענדיקט אין שיקאַגע. (וואָס
מע קאָן זיי מסתמא אין מויל ניט
נעמען ווי זיין ערשטן בוך . . .)
סע וועט זיין אַ נאַכט וואָס לוצקי האָט
נאָך ביז איצט אין שיקאַגע ניט גע-
לוצקיט . . . (וואָס קיינער ווייסט ניט
וואָס דאָס מיינט . . .)

ווען און וואו ?

וועט אויסגעשריגן ווערן אין די טעגלאַכע
גראַגערס.

זייט אָף דער וואַך !

עס ווערט אויך צוגעגרייט אַ הוליאַנקע פאַר אים
פון די ,,שיקאַגעניקעס״

וואו און ווען ?

מע וועט שוין וויסן !

# Chicago Civic Theatre

## וועקער דרייוו לעם וואַשינגטאָן

## דער ערשטער שטענדיקער שעקספיר - טעאַטער אין אַמעריקע

צווייטער יאָריקער סעזאָן

אַנהויבנדיק דעם 27טן אָקטאָבער ביז 20טן דעצעמבער

## שיקאַגער סיוויק, שעקספיר סאָסייטי

**פּרעזענטירט:**

# FRITZ LEIBER

אין

## שעקספּיר׳ס דראַמען

**דער רעפּערטואַר פאַר די ערשטע דריי וואָכן:**

מאַנטיק אָוונט 27טן אָקטאָבער — — — — — „האמלעט״
דינסטיק אָוונט 28טן אָקטאָבער — — „דער סוחר פון וועניעדיק״
מיטוואָך בײַ טאָג 29טן אָקטאָבער — — „ווי געפעלט עס אייך״
מיטוואָך אָוונט 29טן אָקטאָבער — — — — „קעניג ליר״
דאָנערשטיק אָוונט 30טן אָקטאָבער — — — „צוועלפטע נאַכט״
פרייטיק אָוונט 31טן אָקטאָבער — — — — — „מאַקבעט״
שבת בײַטאָג נאָוועמבער 1טן — — — — — „האמלעט״
שבת אָוונט 1טן נאָוועמבער — — — — „יוליוס צעזאַר״

מאַנטיק אָוונט 3טן נאָוועמבער — — „דער סוחר פון וועניעדיק״
דינסטיק אָוונט 4טן נאָוועמבער — — — — „קעניג ליר״
מיטוואָך בײַ טאָג 5טן נאָוועמבער — — — „צוועלפטע נאַכט״
מיטוואָך אָוונט 5טן נאָוועמבער — — „דער סוחר פון וועניעדיק״
דאָנערשטיק אָוונט 6טן נאָוועמבער — — — — „מאַקבעט״
פרייטיק אָוונט 7טן נאָוועמבער — — „ריכארד דער דריטער״
שבת בײַ טאָג 8טן נאָוועמבער — — — „יוליוס צעזאַר״
שבת אָוונט 8טן נאָוועמבער — — „ווי געפעלט עס אייך״

מאַנטיק אָוונט 10טן נאָוועמבער — — — — „קעניג ליר״
דינסטיק אָוונט 11טן נאָוועמבער — — — „צוועלפטע נאַכט״
מיטוואָך בײַ טאָג 12טן נאָוועמבער — „דער סוחר פון וועניעדיג״
מיטוואָך אָוונט 12טן נאָוועמבער — — — — „האמלעט״
דאָנערשטיק אָוונט 13טן נאָוועמבער — — „יוליוס צעזאַר״
פרייטיק אָוונט 14טן נאָוועמבער — — „ווי געפעלט עס אייך״
שבת בײַ טאָג 15טן נאָוועמבער — — — — — „מאַקבעט״
שבת אָוונט 15טן נאָוועמבער — — — „ריכארד דער דריטער״


אַן אינטעליגענטער מענטש מוז
אַריינקומען אין

## צעשינסקי׳ס

### בוך - געשעפט

ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן
פון ארבע פנות העולם
אין אַלע שפּראַכן.

2720 דיוויזשיאָן סטריט

TEL. HUMBOLDT 2696

CHICAGO, ILL.



**איז אייער לעבן אייך טייער?**

**אינשורט עס**

בעפאַר איר טוט עס—פּרענט

## JOS. LIPSHUTZ

וועלכער ווייסט און וועט אייך ראַטן
ווי אַזוי צו פאַרזיכערן צום בעסטן.

Representing:

New York Life Insurance Co.

39 So. La Salle Street

Phone Central 0271

# "CHICAGO"

## A Literary Monthly in Yiddish

VOL. I — OCTOBER, 1930 — No. 4


## אין דעם נומער:


דער אידישער קאָנגרעס — (עדיטאָריעל)
מאיר זאָלאָטאַרעוו — וועגן משה נאדיר און דר. מוקדוני
א. לוצקי — דריי לידעלאך
פ. קרוזאָ — פינף און צוואנציק יאר פועלי ציוניזם
אברהם טייטלבוים — צום הונדערטיאָריקן יובל פון פראנצויזישן ראמאנטיזם
יונה ספיוואַק — רבי נחמן קראָכמאַל (מאָנאָגראַפיע)
מאַטעס דייטש — נויארק — פרילינג ־ צייט (לידער)
מ. באָגדאַנסקי — דאָס פאָלק דערציילט
בן שלום — לידער
ברוך גאָלדהאַרט — א. לוצקי דער אימפּראָוויזאטאָר (אימפּרעסיע)
אַלטער עסעלין — לידער
מ. גיצים — סאָניא (דערציילונג)
פעסי הערשפעלד ־ פּאָמעראַנץ — לידער
ש. גרינבלוי — השארת הנפש ביי פארשיידענע פעלקער
ש. שווארץ — ליד
מ. אַשקינאַזי — אונזער יונגע פּאָעזיע און דער לייענער
אַננאַ דע ־ וואָראַ — ליד

### וועגן ביכער און שרייבער

מאַטעס — י. ל. טעלער „סימבאָלן"
נח שטיינבערג — א. עסעלינס לידער

### אין דער שיקאַגער אידישער טעאַטער ־ וועלט

מאַרק יורי — טעאַטער און קונסט
ליטעראַרישע נאָטיצן
ליטעראַרישע ידיעות
דעם רעדאַקטער'ס ווינקל — נאָטיצן
פון דער רעדאַקציע



Editor and Publisher: Meyer Zolotareff



**SUBSCRIPTION RATES**

| | |
|---|---|
| Single Copies | 15c |
| One Year | $2.00 |
| One Year Foreign | $2.50 |

**סובסקריפשאָן פרייז**

| | |
|---|---|
| איינצעלנע קאָפּיס | .15ס |
| א יאר | $2.00 |
| קאנאדע און אויסלאנד | $2.50 |

ברוך גאלדהארט

# א. לוציקי, דער אימפראוויזאטאר *)

(אימפרעסיעס)

א זאל אין שיקאגע. פול מיט יונג און אלט; פרויען, מענער און קינדער. פנים'ער זיינען צעלויכטן. צעשטראלט. אויערן — ברייט צעעפנט. ס'איז יום טוב — אין א מיטנוואכנדיקן אוונט: אויף דער העל־באלויכטענער פלאטפארמע טוט זיך עפעס. סע באוועגט זיך דארטן און סע לעבט. אט הערט זיך דארט א געוויין, און אט קלינגט פון דארטן אפ א געזאנג; מע רעדט דארטן, מע זיפצט און מע קרעכצט; מע שלעפט זיך קוים אף די פיס — אזוי אלט און איינגעהויקערט איז מען; און אט—רייסט זיך די יוגנט אהין אריין, מיט אויגן—זונשיין, און מיט פיס וואס רוען נית—ווי קוועקזילבער—און הויבן זיך און טענצלען זיך צום טאקט פון „דזשעז" . . .

הונדערטער צושויער־אויגן שטראלן מיט זייערע בליקן אהין, צו דער פלאטפארמע. מיילער שלינגען יעדע באוועגונג, יעדע תנועה. אויערן כאפן אריין יעדן טאן, איטליכן קלאנג. און העלדזער פארכלינען זיך אזש פון אנטציקונג. ס'איז גוט און נאך ב ע ס ע ר פון גוט: ס'איז עפעס „אזוינס און אזעלכעס" וואס מע ווייסט נית ווי עס אנצורופן: כשוף? וואונדער? נס?

אף דער בימה געפינט זיך א אידישע מוזיק־סטאר פון נויארק. די באלעבאטים פון דער סטאר זיינען: אן אלטער טאטע און א יונגער זון. די מוזיק־סטאר באשטייט פון צוויי צימערן. אין ערשטן צימער ז י צ ט דער טאטע. אין צווייטן — ש ט י י ט דער זון.

„דער טאטע איז שוין אן אלטער טאטע. ער געדיינקט שוין נית ווען ער איז נית געווען קיין טאטע. די הענט הייגנען בא אים אראפ. נית נאר די הענט הייגנען בא אים אראפ — דאס גאנצע געמיט איז בא אים אראפ. — ער איז א קול וואס פארקלינגט שוין."

אין דעם צימער וואו דער טאטע זיצט — הערט מען שפילן אלטע רעקארדס. אט שפילט אן „אבינו מלכנו" רעקארד. הערן זיך „קולות פון יענער זייט. פון צוריקוועגס. פון ווייט אוועק הינטער דער פלייצע." און נאכדעם לאזט זיך הערן דער „אל תשליכנו"־רעקארד. הערט מען ווי דער „מענטש בעט: האלט מיך! האלט מיך! נאך א ביסעלע! זאל נאך נית זיין שוין! איך בין דאך נאך! אט בין איך דאך! האלט מיך! האלט מיך!"

„א מאן מיט א ווייב" קומען אריין אין סטאר. „ער — א דארער, א הויכער. זי — א קורצע, א גראבע. אין געמיט — זיינען זיי ביידע גלייך. האבן זיך שוין אויסגעגלייכט. ער — שווייגט. זי — שווייגט. נו, הא. וואס זאלן זיי ריידן — שוין אפגערעדט. שוין צוואנציק יאר אז ער רעדט מיט איר. אן אייגן ווייב. וויפיל איז דער שיעור?" ער בייגקט שוין נאך א — — „פריש געזאנג אין הויז אריין." — מאכט ער צו איר:— „הערסטו מיין ווייב, לאמיר קויפן א נייעם רעקארד" . . .

און אט זעט מען אן אלטינק פאר פאלק. ביידע האלטן „די הענט אין די ארבל. זי — נעבן אים. איר קאפ איז ביז דער קעשענע פון זיין ראק."

דער אלטינקער מאכט אזוי — צום אלטן וואס פארקויפט די רעקארדס:—

„גיט מיר עפעס אזוי א — — — איך וואלט ווען — איר פארשטייט — אזוי א" — —

דעם אלטינקן קומט נעבעך אן זייער שווער צו זאגן וואס ער וויל. דרייט ער זיך אף אלע זייטן: ער מאכט מיט די פינגער, פארקנייטשט דעם שטערן, און ענדליך האט ער עס געפאקט: — „גיט אונז עפעס אזא — וואס זאל אונז דערוואַרעמען!

„דער אלטער זיצט." נאר „ביים ווארט — דערווארעמען — צעפירט ער זיך די ביינער. הא! דערווארעמען!"

„און זאגט צו זיין ווייב: רחל! — לייג ארויף „אל מלא רחמים" — — — — — —

רחל טוט עס. הערט מען שפילן דעם רעקארד „אל מלא רחמים."

זעט מען ווי א בשר ודם איז—„שוין. אויסגעצויגן. גוף — אראפ! גייסט — ארויף! ערד־צו ערד. ליכט — צו ליכט, אייביקייטן האבן זיך צעטיילט מיט א מענטש."

אבער יענער וואס זינגט אין דעם רעקארד „אל מלא רחמים" — „דער חזן איז זיך מחיה. עס טוט אים דארט הנאה. קוים זיך דערווארט. יאנטעוו הייגט בא אים. אט דא איז דער בעסטער פלאץ צו באווייזן דער וועלט וואס פאר א הארציק קול — ער — חזן רב חיים'ל — האט. זאלן זיי כאטש הערן. זאלן זיי כאטש וויסן ווער ס'איז דער גרעסטער חזן היינט־צו־טאג און וויפיל געלט ער מעג זיך הייסן באצאלן. נאכאמאל: אל—מלא—ראחיי—מים—ם—ם—ם—!

— אף יענעמס נשמה — ציט ער לאנג דעם אטעם. א נייער חכם!"

דאס אלטינקע פאר פאלק שטייט און הערט זיך צו: „זיי טראכטן ביידע אליין איינס. ביי „אל מלא רחמים" טראכטן אלע אלצאיינס — אראפ" . . .

דער אלטער (פון דער סטאר) זיצט. וויינט. — און זאגט מיט א וויינענדיק קול צו מאן און ווייב: נעמט עס! ס'איז גוט פאר אייך!" און צו רחל'ען מאכט ער: „רחל? לייג ארויף „ונתנה תוקף."

אין דעם „ונתנה תוקף"־רעקארד קומט פאר א הייסער קאמף צווישן די משוררים; דער באס האלט זיך שטריינג בא זיינעם: וביום—צום—כי—פור—יי—חא—תיי—מון—און אלעמאל מאכט ער עס מער אראפ . . .

„דאס אלטעלע — טוט זיך א צעוויג: ומי — — — — — בא—כע—רעוו!"

„דער סאפראנטשיק האקט אים אפ מיט א קוויטש פון הווק: בחרב! — ער וויל נישט. בחרב געפעלט אים נית."

*) זע: „שיקאגע" נומער דריי,

כאפט זיך אויף דער טענאר מיט זיין קנאקענדיקער שטימע און צעפלאקערט זיך: ומי — — — — — — — — ! —באַ—איי— — — ש !" אבער „דער סאפראנטשיק האקט אים אפ מיטן זעלבן קוויטש: באש ! — וויל ער אויך נים."

דער באס האלט זיך כסדר ביי זיינס. און דער קאמף פלאקערט. דער חזן מישט זיך אריין און זאגט: „קינדער־לאך ! וואס איר האט דא אפגעזאגט — איז בא מיר נאך גארנישט. איך בין דער חזן — און ס'עט זיין ווי איך־זאג: ומי — — — — — !" און ער — צוזאמען מיט די משור־רים — פארענדיקט שוין דעם „ונתנה תוקף." — אראפ. . .

און ווידער דאס זעלבע: „דער אלטער זיצט. וויינט. און זאגט מיט א וויינענדיק קול צו מאן און ווייב: נעמט עס ! ס'איז גוט פאר אייך !"

* *
*

דאס צימער וואו עס געפינט זיך דער אלטער טאטע מיט די אלטע רעקארדס — רוקט זיך אוועק הינטער די קוליסן . . . ניטא מער . . . , די לעצטע אקארדן פון די קרעכצן און זיפצן צעגייען זיך איבער'ן זאל און שטארבן אפ — — — — — — —

אף דער פלאטפארמע געפינט זיך איצט בלויז דאס צימער וואו עס שטייט דער יונגער זון מיט די י ו נ ג ע רעקארדס.

„אין דעם צימער וואו דער זון שטייט — זיינען רעקארדס פון היינט. ניט צום טראכטן. אלטע — טראכטן. יונגע — טוען. דזשעז. דזשא, דזשעסי, — דזשעזי . . ."

צום זון אין צימער קומען אריין — „א בחור מיט א מיידל. ער. ער איז אלרייט. א בויג. א גיי. א וויג. א דריי. די הוט אף א זייט און א קוק. ניט קיין קוק — א קוקעלע. א וואונקעלע. יו נא !"

„ער וועט ניט שטארבן. אויב ער וועט זיך אויסציען, וועט ער ניט קענען איינלינגן. אז די זייטן טראגן זיך. אז די אקסלען הויבן זיך. — אויב ער וועט אמאל ניט ווערן — וועט ער טאנצנדיק ניט ווערן: פון טאנץ־זאל ארויס — אין טאנץ־זאל אריין. דארטן טאנצט מען אויך!"

„זי איז דין. שלאנק. עלעגאנט. זי טראגט זיך אף די שפיצן פון די שיכעלאך. ווען זי וויל — פליט זי. — נאר זי וויל זיך ניט באמיען. ליבע ? א, יא. קענדי איז גוט. — ליבע אויך."

„זי וויל — די גאנצע וועלט זאל זיין פון שפיגלען. ווענט — שפיגלען. זי קוקט — זי לאכט אין די ווענט. הימל — שפיגל. זי קוקט ארויף — זי טאנצט אין הימל. ערד — שפיגל. זי קוקט אראפ — זי שיינט אין דרערד. — א שאד וואס זי שלאפט. ווען זי קאן זיך נאך זען ווען זי שלאפט. — אוי."

„דער בחור — צום בחור וואס פארקויפט די רע־קארדס: איך וואלט וועלן — יו נא" . . .

דער זון „ליינט ארויף א דזשעזי־דזשעז און וויגט זיך מיט די קלאנגען . . . — און זאגט מיט א פרייד: נעמט עס ! ס'איז גוט פאר אייך."

די סצענע איז געענדיקט. דאס צימער מיט'ן זון, מיטן בחור און מיידל פארשווינדט שווינדלדיק־שנעל פון דער פלאטפארמע. נאר די קלאנגען פונם „דזשעזי־דזשעז" טראגן זיך נאך טאנצנדיק אין דער לופט פונם זאל . . . דאס יונגוואוג צווישן עולם כאפט זיי אויף שטילערהייט און הויבט זיך און טענצלט זיך. ווער זיצנדיק און ווער שטייענדיק . . .

דער גאנצער עולם — ווי פון איין שטיק אויסגעגאסן — זצט נאך א פאר רגע'ס. אטעמם — איינגעהאלטן. הענט גרייטן זיך . . . און מיט אמאל: צעקייקלט זיך איבערן זאל א דונער פון בראווא־פאטשעריי. און בליציקע בליקן ווערן געווארפן צו דער פלאטפארמע, און אויסגעשרייען פון העלדזער רייסן זיך אהין.

וועמען האט מען דאס אזוי אפלאדירט ? פון וועמען איז מען דאס אזוי אנטציקט ? — פון די אקטיארן וואס האבן אויפגעפירט די „מוזיק־סטאר" און וואס האבן אויסגעשפילט די אלע טיפן דארטן: דעם אלטן טאטן. דעם יונגען זון. די מיטליאריקע מאן און ווייב. דאס אל־טינקע פאר־פאלק. דעם בחור מיט'ן מיידל. די חזנים וואס זינגען אף די רעקארדס: אל מלא רחמים. אל תש־ליכנו. און ונתנה תוקף — מיט די משוררים. און דעם דזשעז־מוזיקער. פון אט די אלע איז דאס דער עולם אזוי געוואלדיק אנטציקט און מע „פאטשט" זיי . . .

און אף דער פלאטפארמע שטייט און נויגט זיך פארן עולם ניט מער ווי א י י ן מענטש. א יונגערמאן אין די פריע דרייסיקער. מיטלוואוקסיק. דין און שלאנק. אונ־טערן ארעם האלט ער א בוך. ער איז שוין מיד. באלד פארמאטערט. אבער דער עולם — דער גזלן — שרייט: נאך. נאך.

דער יונגערמאן — האט איינער אליין, בלויז מיט זיין בוך צו הילף — פארגעשטעלט די גאנצע מוזיק־סטאר דאס האט ער אזוי „געלייענט" זיין „אימפראוויזאציע" וואס רופט זיך: — „אין א מוזיק סטאר."

ער — א. לוצקי.

* *
*

ווען איך זאל זיין א גלויביקער — וואלט איך אזוי געזאגט: ווען דער כביכול האט באשאפן לוצקי'ס נשמה, האט ער איר באלד אנגעטאן דאס זיידענע העמדל פון פאעזיע. אבער איידער ער האט זי אראפגעשיקט אף דער ערד, האט ער זי צוגערופן צום כסא הכבוד און איר פון דארטן דערלאנגט נאך א מתנה: א ז י י ר ן ג א ר־ ט ע ל ע . . . .

נא, האט גאט געזאגט צו איר — נ ע ם ע ס ! עס איז גוט פאר דיר ! . . .

מיר בשר ודם'ס זיינען אבער ארים אין אויסדרוק — רופן מיר דאס: א י מ פ ר א ו ו י ז י ר ן.

# ליטעראַרישע נאָטיצן

## א. לוצקי האָט געשאַפן פיר (4) נייע וואונדערליכע ווערק.

וועגן א. לוצקי דעם פּאָעט און אימפּראָוויזאַטאָר, האָב איך שוין פאַרעפנטלאַכט צוויי אַרטיקלען. — אין סעפּטעמבער נומער און אין היינטיקן נומער „שיקאַגע".

דאָס איז געווען וועגן לוצקי׳ס פריערדיקן בוך — „אומע־טיק און פריילאַך".

און איך בין זיך מודה, אַז ס׳ע רעגנט מיך זייער שטאַרק צו שרייבן וועגן לוצקי׳ס נייע מייסטערווערק.

איך מוז זיך אָבער אָפּהאַלטן ביז זיי וועלן דערשיינען.

לוצקי אַרבעט כסדר אַף זיין שרייבן. ער שלייפט און פיילט יעדע שורה און יעדעס וואָרט (ווי זיין שטייגער איז) פון זיינע פיר גרויסע פּאָעטישע, פילאָזאָפישע געזאַנגען:

„שטייענדיקע וואַסערן".

„אַ ריטשקעלע".

„אַ העלפאַנט — אַ צדיק".

„בראשית — אינמיטן".

די דאָזיקע פיר גרויסע פּאָעמעס גרייט ער צו אַרויסצוגעבן אין צוויי באַזונדערע ביכער.

איך האָב געהאַט די זכיה אַ גרויסן טייל פון זיי צו לייענען פון מאַנוסקריפּט, און נאָך אַ גרעסערע זכיה — זיי הערן לייענען טאַקע פון לוצקי׳ן אַליין. אין זיין קאַבינעט.

קינסטלער און פאַרערער פון פּאָעטישער קונסט און במילא די טויזנטער חסידים פון לוצקי׳ס שאַפן, דערוואַרט אַ גרויסער יום טוב און אַ זעלטענער גייסטיקער געגנוס — ווען זיינע ביכער וועלן דערשיינען.

מיר טוט באמת לייד וואָס איך קאָן דאָ גאָרניט ציטירן — אפילו ניט אַ שורה׳לע — פון לוצקי׳ס נייע פּערלדיקע שאַפונגען. אַלע שימירירן זיי מיט אַזאַ קאָלירדייכן בלענד, מיט אַזאַ גייסטרייכן פּאַרנעם, מיט אַזויפיל קינסטלערישקייט אין שפּראַך, אַז איך ווייס פּשוט ניט וואָס פריער אַרויסצוכאַפּן. כאַטש נעם און ציטיר אַט־אַ־דאָ־אַ אַלע זיינע טויזנטער שורה׳לאַך . . .

קורץ גערעדט:

א. לוצקי האָט איבערגעטראָפן א. לוצקין . . .

ס׳איז ווי לוצקי וואָלט געהאַט אַ קינסטלערישן וועט געלויף מיט דעם פריערדיקן לוצקי׳ן און איז אים ווייט אַריבערגעלאָפן . . .

איך וואָג צו זאָגן, אַז לוצקי׳ס צוויי נייע ביכער וועלן זיין אַ געניאַלע אַנטפּלעקונג. —

אַ מעשה־בראשית אין דער פּאָעטיש־פילאָזאָפיש־קינסט־לערישער וועלט.

**פּ. ג.**

* *

צוויי ביכער פון א. לוצקי, וועלכע אַנטהאַלטן די נייע גרויסע פּאָעמען:

„שטייענדיקע וואַסערן".

„אַ ריטשקעלע".

„אַ העלפאַנט אַ צדיק".

„בראשית — אין מיטן",

וועלן אינגיכן זיך אָנהויבן דרוקן אין שיקאַגע.

* *

אונזער קאָלעגע און חשובער מיט־אַרבעטער פון „שיקאַגע" משה באָגדאַנסקי איז דערוויילט געוואָרן פון די היגע פּועלי ציון אַלס דעלעגאַט צום אידישן קאָנגרעס וואָס קומט פאָר אין וואַשינגטאָן.

## אַ לייוויק וואָך אין שיקאַגע

אַף דער איניציאַטיווע פון דער היגער קולטור געזעלשאַפט איז דער דיכטער און דראַמאַטורג, ה. לייוויק געקומען קיין שיקאַגע.

דער דיכטער וועט פאַרברייגנען דאָ אַ וואָך, און דורך דער צייט וועט ער לייענען עטלאַכע רעפעראַטן איבער פאַרשיידענע טעמעס. — זיין ערשטער אויפטריט איז געווען מיטוואָך דעם 22טן אָקטאָבער אין אידישן פאָלקס־אינסטיטוט.

* *

די קיעווער קולטור ליגע אַנאָנסירט אַז זיי הויבן אָן אַרויס־צוגעבן ביכער פון אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער שרייבער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך די צוויי באַרימטע דיכטער: אַברהם רייזן, און ה. לייוויק.

די פאָלגענדע ביכער דערשיינען פון רייזענען: „זאַמלונג פון לידער און דערציילונגען" „אַמאָליקע צייטן" „אין אַמעריקע" „גע־קליבענע לידער" „גויט".

פון לייוויקן: „שניי אַראָפּגעפאַלענע" „דורך זיבן גויטן" „אָפּן ראַנד פון אָנהויב".

מיר וועלן ניט זיין איבעראַשט אַז גאָר אין גיכן וועט דער „שיסער" פון די בני „פּרייהייטניקעס" אָנלאָדן זיין „פּען און ביקס" אַף די קיעווער — אַ קלייניקייט אַזאַ סתירה.

* *

אַ דעבאַטע צווישן דר. דאָלניק און נח שטיינבערג איבער דער טעמע „טאָלסטאָי דער מאָראַליסט".

די טעמע איז אַ ביסעלע אַ פאַרשפּעטיקטע, אָבער דר. דאָלניק און נח שטיינבערג, וועלן שוין מסתמא זיך אָנשטריינגען אַז דער אָוונט זאָל זיין אַן אינטערעסאַנטער.

די דעבאַטע וועט פאָרקומען אין הערצל־זאַל, מיטוואָך דעם 22טן אָקטאָבער.

* *

אין משה צעשינסקי׳ס בוכהאַנדלונג זיינען אָנגעקומען אַ גאַנצע רייע נייע ביכער: בעלעטריסטיק, געשיכטע, וועגן טעאַטער, לידער, אויך זשורנאַלן פון פאַרשיידענע לענדער.

טראָץ דעם שלעכטן צושטאַנד אַפן ביכער־מאַרק, קומען יעדן טאָג אַריין נייע וויכטיקע ביכער פון די בעסטע שרייבער.

משה צעשינסקי דרוקט אויך אַ קאַטאַלאָג פון אידישע ביכער, וועלכע דערשיינען אין פאַרשיידענע לענדער. אויך אַמעריקאַנער אויסגאַבן, וואָס וועלן אין גיכן אַרויס פון דרוק.

* *

דער באַוואוסטער לערער ה. פינקלשטיין, וועלכער איז געווען אַ גרויסע צייט פאַרבונדן מיט די אידישע שולן, געפינט זיך איצטער ווידער אין שיקאַגע. ער נעמט אָן לעקציעס אין איריש, העברעאיש, אידישע געשיכטע, ליטעראַטור.

זיין אַדרעס איז 35 קאַסטעלאָ עווענו, שיקאַגע.

* *

דאָס בוך „אין לאַנד פון די יענקים" פון דעם טאַלאַנטפולן עקספּרעסיאָניסטישן דיכטער מאַטעס דייטש, וועט אַרויס פון דרוק אין פיר וואָכן אַרום.

מאַטעס דייטש פאַרנעמט אַ חשוב׳ען פּלאַץ אין דער מאָדערנער דיכטונג; סיי מיט זיינע טעמען ווי אויך מיט דעם אויסוואַל פון זיינע ווערטער.

די זאַמלונג וועט זיין אַרום 158 זייטן מיט צייכנונגען פונם יונגן מאָלער, מיכל ציפּוירען. דאָס בוך וועט זיין אַ פּראַכט אויסגאַבע.

ס׳וועט אַרויסגעגעבן פונם פאַרלאַג „שיקאַגע". — מיט באַ־שטעלונגען, זיך ווענדן צו מאיר זאַלאַטאַרעוו.

רעדאַקציע אַדרעס:

1133 S. Homan Avenue, Chicago, Ill.